# דעם רבינ'ס ליכט

וארא תשפ"ד
גליון 173



אײערע קינדער זאָלט איר מודיע זײן
וואָס דאָ האָט זיך געטאָן (שיהר"ן ר"ט)

## דער רײנער קוואל

## אַ ציגאַנעריש פאָלק?

אִין דִי שְׁמוֹת פַּרְשִׁיּוֹת גֶעפִינֶען מִיר וִוי אַזוֹי דִי תּוֹרָה מַאכְט אַ גַאנְצֶע גֶעשֶׁעפְט פוּן דִי 'קִינְדֶער'. אִין דִי פַּרְשָׁה פוּן לֶעצְטֶע וָואךְ שְׁרַייבְּט דִי תּוֹרָה "וַתְּחַיֶּיןָ אֶת הַיְלָדִים", רֶבִּי נָתָן אִיז מְבָאֵר דֶעם פָּסוּק אַז דָאס מֵיינְט אַז מֶען דַארְף אוֹיפְלֶעבְּן דִי קִינְדֶערְלֶעךְ, טְרֶעפְן אִין זֵיי נְקוּדוֹת טוֹבוֹת, זֵיי שְׁטַארְקְן אוּן דֶערְפְרֵייעֶן מִיט וָואס מֶען קֶען נָאר. בַּיי מַכַּת חֹשֶׁךְ דֶערְמַאנְט אוֹיךְ דִי תּוֹרָה אַז פַּרְעֹה הָאט גֶעזָאגְט "גַּם טַפְּכֶם יֵלֵךְ עִמָּכֶם" דִי קִינְדֶער זָאלְן אוֹיךְ מִיטְגֵיין.

דִי תּוֹרָה אַלֵיינְס דֶערְצֵיילְט אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט שְׁוֶוער גֶעמַאכְט פַּרְעֹה'ס הַארְץ, עֶר זָאל נִישְׁט אַרוֹיסְשִׁיקְן דִי אִידְן "וּלְמַעַן תְּסַפֵּר בְּאָזְנֵי בִנְךָ וּבֶן בִּנְךָ – כְּדֵי דוּ זָאלְסְט פַארְצֵיילְן פַאר דַיינֶע קִינְדֶער אַלֶעס וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן אִין מִצְרַיִם. אַזוֹי אוֹיךְ אִיז דָא אַ חִיּוּב אוּן אַ מִצְוָה פוּן דִי תּוֹרָה פוּן "וְהִגַּדְתָּ לְבִנְךָ", דֶערְצֵיילְן פַאר דִי קִינְדֶער דֶעם סִיפּוּר פוּן יְצִיאַת מִצְרַיִם, וַוייל דָאס אִיז פוּן דִי גָאר שְׁטַארְקֶע יְסוֹדוֹת פוּן דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה, צוּ וִויסְן דִי טוּמְאָה אוּן שְׁמוּץ פוּן דִי מִצְרַיִם, אוּן וִוי אַזוֹי דֶער

בַּאשֶׁעפֶער הָאט אוּנְז אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן דָארְט אוּן דֶערְנֶענְטֶערְט צוּם בַּארְג סִינַי אוּן מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וָואס אִיז אוּנְזֶער לֶעבְּן.

נָאךְ אַ מִצְוָה אִיז פַארְהַאן, 'צוּ דֶערְמַאנֶען יֶעדְן טָאג יְצִיאַת מִצְרַיִם'. אַזוֹי וִוי מִיר זָאגְן אִין דִי הַגָּדָה: "יֶעדְן דוֹר דַארְפְן מִיר זִיךְ פָארְשְׁטֶעלְן אַז מִיר אַלֵיין זֶענֶען אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם, אוּן וֶוען נִישְׁט וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וָואלְט אַרוֹיסְגֶעצוֹיגְן אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן פוּן מִצְרַיִם, וָואלְטְן נָאךְ אוּנְז מִיט אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער גֶעוֶוען אוּנְטֶערְדְרִיקְט בַּיי פַּרְעֹה אִין מִצְרַיִם". דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט: "וֶוען מִיר וָואלְטְן נִישְׁט אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם, וָואלְטְן מִיר גֶעוֶוען צוּגַיינֶער'ס!" וֶועלְכֶע זֶענֶען זֵייעֶר אַ נִידְרִיגֶע אוּן פַארְשֶׁעמְטֶע פָאלְק.

רֶבִּי נָתָן מִיט זַיין זִיסְן שְׁפְּרַאךְ שְׁרַייבְּט: "דֶער וֶוער עֶס לֵייגְט צוּ הַארְץ אַרַיינְצוּטְרַאכְטְן אִין דִי וֶועגְן אוּן ווּאוּנְדֶערְלִיכֶע הַנְהָגוֹת וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אוּנְז, גֶעוַואלְדִיגֶע חֲסָדִים דוּרְךְ דִי אֱמֶת'ע

המשך אויף קומענדיגע זייט

# דער ריינער קוואל

המשך פון זייט 1

צַדִּיקִים – װעלכֶע זֶענֶען אוּנְז מוֹדִיעַ אִין זֵייעֶרֶע חִדּוּשֵׁי תּוֹרָה דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנְ׳ס גְרוֹיסְקֵייט, אוּן דִי װאוּנְדֶערְלִיכֶע נִסִּים װָאס הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ טוּט מִיט יֶעדְן אִיד בַּאזוּנְדֶער.

אַזוֹי וִוי מִיר זָאגְן דְרַיי מָאל אַ טָאג וְעַל נִסֶּיךָ שֶׁבְּכָל יוֹם עִמָּנוּ, וְעַל נִפְלְאוֹתֶיךָ וְטוֹבוֹתֶיךָ שֶׁבְּכָל עֵת, עֶרֶב וָבֹקֶר וְצָהֳרָיִם. דֶער מֶענְטְשׁ קֶען טַאקֶע מְקַיֵּים זַיין דָאס וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה וָוארֶענֶען אַז ׳בְּכָל דוֹר וָדוֹר׳ זֶענֶען מִיר מְחֻיָּב, לִרְאוֹת אֶת עַצְמוֹ כְּאִילוּ הוּא יָצָא מִמִּצְרַיִם.״

רֶבִּי נָתָן אִיז מַמְשִׁיךְ: ״עֶס לִיגְט אַ חוֹב אוֹיף יֶעדְן אִיד צוּ רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן דֶערְפוּן אַלֶע זַיינֶע טֶעג, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט שִׂיחוּ בְּכָל נִפְלְאוֹתָיו, מֶען זָאל דָאס דֶערְצֵיילְן פַאר דִי קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ וְהוֹדַעְתָּם לְבָנֶיךָ, אַז דֶער לֶעצְטֶער דוֹר זָאל אוֹיךְ וִויסְן אוּן דֶערְצֵיילְן וַוייטֶער פַאר זֵייעֶרֶע קִינְדֶער..״

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן קֶענֶען מְקַיֵּים זַיין יֶעדְן טָאג דִי מִצְוָה פוּן יְצִיאַת מִצְרַיִם בִּשְׁלֵמוּת, יֶעדֶער אִיד לוֹיט זַיינֶע כּוֹחוֹת. מְ׳קֶען אוֹיךְ פַארְצֵיילְן דִי נִסִּים וְויאַזוֹי מִיר גֵייעֶן אַרוֹיס פוּן אוּנְזֶער אֵייגֶענֶע מִצְרַיִם! אוּן בְּקָרוֹב וֶועט מְקֻיָּם וֶוערְן דֶער פָּסוּק כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת, אַזוֹי וִוי מִיר הָאבְּן גֶעזָאגְט בַּיי רֹאשׁ חֹדֶשׁ בֶּענְטְשְׁן ״מִי שֶׁעָשָׂה נִסִּים לַאֲבוֹתֵינוּ וְגָאַל אוֹתָם מֵעַבְדוּת לְחֵרוּת, הוּא יִגְאַל אוֹתָנוּ בְּקָרוֹב וִיקַבֵּץ נִדָּחֵינוּ מֵאַרְבַּע כַּנְפוֹת הָאָרֶץ, חֲבֵרִים כָּל יִשְׂרָאֵל וְנֹאמַר אָמֵן.

**הר״ר יואל אדלער הי״ו**
**לרגל נישואי בנו למזל טוב**

**הר״ר יואל וועבערמאן הי״ו**
**לרגל נישואי בתו למזל טוב**

**הר״ר אהרן מייער הי״ו**
**לרגל נישואי בתו למזל טוב**

**~~ הר״ר שמואל קלצקי הי״ו לרגל הולדת בנו למזל טוב ~~**



מיין מעשה'לע קען מען דערציילן אויפן טעלעפאן ליין. אין ארץ ישראל
קען מען רופן 02-5-3333-72 , אין אמעריקע און קאנאדע קען
מען רופן 646-585-3040 און לאזן א שיינע מעשה אויף קנעפל 5

הצלחה,
מיר ווארטן צו הערן פון דיר. דיינע ברסלב'ע חברים ארום דער וועלט




מִיר זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן שְׁטֵיין פָּארִיגֶע וָואךְ אִין חֵדֶר פוּן ר׳ פִּנְחָס קִיבְּלִיטְשֶׁער וואוּ מִיר הָאבְּן גֶעזֶען וִוי עֶר בְּרֶענְגְט אַרַיין אַ גֶעוַואלְדִיגֶע יִרְאַת שָׁמַיִם אִין זַיינֶע תַּלְמִידִים.

אוֹיךְ הָאט ר׳ פִּנְחָס אָנְגֶעטְרִינְקֶען זַיינֶע תַּלְמִידִים דִי שֵׁיינֶע עֵצוֹת פוּנֶעם הֵיילִיגְן קְוַואל פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן. אִין אָנְפַאנְג הָאט עֶר נִישְׁט אוֹיסְגֶעזָאגְט גֶענוֹי פוּן וואוּ אִיז דֶער מְקוֹר פוּן דִי מַאֲמָרִים וָואס עֶר בְּרֶענְגְט. עֶר הָאט נָאר גֶעזָאגְט אַז, ״סְ׳שְׁטֵייט אִין דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים אַזוֹי אוּן אַזוֹי.״ פַאר דִי קִינְדֶער אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין נָפְקָא מִינָהּ פִּינְקְטְלִיךְ פוּן וֶועלְכֶע סֵפֶר דֶער מְלַמֵּד קוּקְט זִיךְ פָאר זַיינֶע שִׁעוּרִים, דֶער עִיקָר אִיז אַז זֵיי הָאבְּן אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הִתְחַזְקוּת דֶערְפוּן אוּן זֵיי וֶוערְן נָאנְט צוּם אוֹיבֶערְשְׁטְן.

אָבֶער שְׁפֶּעטֶער הָאט עֶר גֶעשְׁפִּירְט אַז עֶס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג צוּ בַּאהַאלְטְן פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים דֶעם אֱמֶת. פַארְוָואס זָאלְן זֵיי נִישְׁט וִויסְן דֶער מְקוֹר פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרוֹת? אֶפְשָׁר מִיט דִי צַייט וֶועלְן זֵיי אַלֵיינְס וֶועלְן עֶפֶּענֶען אַ סֵפֶר זִיךְ צוּ מְקַשֵּׁר זַיין צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

אִין אַ טָאג וֶוען ר׳ פִּנְחָס אִיז גֶעקוּמֶען אִין חֵדֶר וִוי יֶעדְן טָאג הָאט עֶר גֶעהֵייסְן דִי תַּלְמִידִים זִיךְ אַוֶועקְזֶעצְן וַוייל עֶר וִויל זֵיי אִיבֶּערְגֶעבְּן עֶפֶּעס אַ וִויכְטִיגֶער סוֹד. דִי קִינְדֶער הָאבְּן גֶעוַוארְט מִיט שְׁפַּאנוּנְג צוּ הֶערְן וָואס זֵייעֶר בַּאלִיבְּטֶער מְלַמֵּד וֶועט זֵיי דָא מְגַלֶּה זַיין. אִין צִימֶער אִיז גֶעוֶוען שַׁא-שְׁטִיל אַז מֶען הָאט גֶעקֶענְט הֶערְן אַ פְּלִיג אַרִיבֶּערְפְלִיעֶן.

״טַייעֶרֶע קִינְדֶערְלֶעךְ, מַיינֶע בַּאלִיבְּטֶע תַּלְמִידִים,״ הָאט ר׳ פִּנְחָס אָנְגֶעהוֹיבְּן אִין אַ שְׁטִילְן קוֹל, ״בִּיז הַיינְט הָאבּ אִיךְ עֶנְק נִישְׁט דֶערְצֵיילְט אַז דִי שֵׁיינֶע חִזּוּק וֶוערְטֶער וָואס אִיךְ גֶעבּ עֶנְק אִיבֶּער אִיז פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיְיגָא בֶּן שִׂמְחָה, אָבֶער פוּן הַיינְט מָאל אָן זָאלְן עֶנְק וִויסְן אַז אִיךְ בִּין אַ בְּרֶסְלֶבֶ׳ער חָסִיד! אוּן אַלֶעס וָואס אִיךְ לֶערְן מִיט עֶנְק אִיז פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳נְס קְוַואל.

אוּן עֶס קֶען גַאנְץ מֶעגְלִיךְ זַיין אַז וֶוען דֶער סוֹד וֶועט אַרוֹיסְרִינֶען אִין שְׁטָאט וֶועט אוֹיסְבְּרֶעכְן אַ פַייעֶר פוּן מַחֲלוֹקֶת אוֹיף מִיר. עֶס קֶען אוֹיךְ זַיין אַז עֶטְלִיכֶע פוּן אֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן וֶועלְן עֶנְק נִישְׁט עֶרְלוֹיבְּן צוּ מַמְשִׁיךְ זַיין צוּ קוּמֶען אִין מַיין חֵדֶר. אַלֶעס אִיז מֶעגְלִיךְ. מִיר דַארְפְן זִיךְ אָנְגַארְטְלֶען מִיט אַ פַייעֶר פוּן אֱמוּנָה וָואס זָאל אוּנְז בַּאשִׁיצְן פוּן דִי פַייעֶר פוּן מַחֲלוֹקֶת.״

אִין חֵדֶר הָאט אוֹיסְגֶעפְּלַאצְט אַ שְׁטוּרֶעם. "רֶבִּי, רֶבִּי! מִיר בְּלַייבְּן מִיט אַייךְ!" הָאבְּן דִי קִינְדֶער אוֹיסְגֶעשְׁרִיגְן מִיט טְרֶערְן אִין דִי אוֹיגְן, "וואוּ אִיר גֵייט וֶועלְן מִיר גֵיין מִיט אַייךְ. מִיר וֶועלְן וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין צוּ לֶערְנֶען פוּן אַייךְ דִי הֵיילִיגֶע פְלַאם פוּן אֱמוּנָה!"

עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען קִינְדֶער וָואס הָאבְּן בְּלֵית בְּרֵירָה גֶעמוּזְט אוֹיפְהֶערְן צוּ קוּמֶען צוּ ר' פִּנְחָס'נְס חֵדֶר אוּן אַנְדֶערֶע זֶענֶען וַוייטֶער גֶעקוּמֶען מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ. זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעמוּזְט פַארְשְׁטֶעלְן מִיט פוֹיעֶרִישֶׁע קְלֵיידֶער אוּן קוּמֶען פוּן הִינְטֶער גַאסְן, בַּאהַאלְטֶענֶערְהֵייט



**ר' פנחס, מיר בלייבן געבינדן און געקניפט מיט אייך, אויף אלעמאל!!!**

אוּן אַזוֹי וִוי ר' פִּנְחָס הָאט פָּארְאוֹיס גֶעזָאגְט אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעשֶׁען. אִין שְׁטָאט הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אַ מַחֲאָה קֶעגְן דֶער טֵייעֶרְן ר' פִּנְחָס וָואס הָאט גָארְנִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטְס גֶעטוּן נָאר גֶעלֶערְנְט מִיט דִי קִינְדֶערְלֶעךְ וָואס עֶס מֵיינְט אַ דַאוֶוענֶען, וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זַיין נָאנְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער, וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן נָאךְ אַ יְרִידָה, אד"ג.

אַז דִי שְׁטָאט מֶענְטְשְׁן זָאלְן זֵיי נִישְׁט נָאכְלָאקֶערְן.

דָאס פַייעֶר פוּן מַחֲלוֹקֶת אִיז גֶעוֶוען מַמָּשׁ לְשֵׁם שָׁמַיִם (!). דִי אִידְן אִין קִיבְּלִיטְשׁ הָאבְּן מַמָּשׁ גֶעמֵיינְט אַז זֵיי טוּעֶן דָא אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה אוּן מֶען מוּז אָפְּווִישְׁן ר' פִּנְחָס. מֶען הָאט זִיךְ גֶעזֶעצְט צוּ אָן אֲסִיפָה צוּ בַּאשְׁלִיסְן וָואס צוּ טוּן מִיט דֶער מְלַמֵּד אַז עֶר זָאל (ח"ו)

נישְׁט קֶענֶען וַוייטֶער פַּארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם ׳אוּמְאוֹיסְגֶעהַאלְטֶענֶעם׳ אוֹר. עֶס אִיז בַּאשְׁלָאסְן גֶעוָוארְן אַז מֶען מוּז אִים אָפְּרוּימֶען פוּן וֶועג אַז עֶר זָאל מֶער נישְׁט קֶענֶען לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער. מֶען הָאט גֶעטְרַאכְט פוּן אַלֶע עֵצוֹת וִוי אַזוֹי מֶען קֶען אִים אוּמְבְּרֶענְגֶען בִּיז מֶען הָאט בַּאשְׁלָאסְן אַז דָאס בֶּעסְטֶע וֶועט זַיין אַז מֶען וֶועט דִינְגֶען... חַיִּים דֶער קַצָּב! פַאר דֶעם אִיז עֶר אוֹיסְגֶעצֵייכְנְט. יָא, אִיר הֶערְט גוּט – חַיִּים דֶער קַצָּב וֶועט זַיין אוֹיסְגֶעצֵייכְנְט פַאר דֶער צְוֶועק. ווִי נָאר עֶר וֶועט צוּרִירְן דֶעם שְׁוַואכְן קְרַאנְקְן ר׳ פִּנְחָס וֶועט שׁוֹין אַלֶעס וֶוערְן עֶרְלֶעדִיגְט...

**אָבֶער יֶעצְט וֶועלְן מִיר צוּרִיקְגֵיין אַ טְרֶעפְּל צְוֵויי...**

**ווִיאַזוֹי אִיז ר׳ פִּנְחָס גֶעוָוארְן פוּן רֶבִּי׳נְס מֶענְטְשְׁן?**

ר׳ פִּנְחָס אִיז נָאר פוּן יוּנגֶערְהֵייט אָן גֶעוֶועְן אַ סְפֶּעצִיעֶלֶער עוֹבֵד־הַשֵּׁם, עֶר אִיז גֶעוֶועְן זֵייעֶר גְרוֹיס אִין תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה, זִיךְ גֶעפִּירְט מִיט קְדוּשָּׁה אוּן טָהֳרָה.

פַאר פַּרְנָסָה פְלֶעגְט עֶר זִיךְ בַּאשֶׁעפְטִיגְן צוּ מַאכְן לִיכְט. וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דִי צַייט צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ, הָאט מֶען אִים אָנְגֶעטְרָאגְן אַ שִׁידוּךְ מִיט אֵיינֶעם פוּן דִי חָשׁוּבֶ׳ע אִידְן אִין אוּמַאן. דֶער שִׁידוּךְ אִיז צוּשְׁטַאנְד גֶעקוּמֶען, אוּן נָאךְ זַיין חֲתוּנָה אִיז עֶר אַרִיבֶּער וואוֹינֶען אִין שְׁטָאט אוּמַאן. ר׳ פִּנְחָס פְלֶעגְט פָארְן צוּ דִי צַדִּיקֵי הַדּוֹר, עֶר הָאט בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוואוּסְט צוּ זָאגְן פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט אִין אוּמַאן.

זַיין שְׁוֶוער הָאט גֶעוואוּסְט וָואסְפַארַא טַייעֶרֶע דִימַאנְט עֶר הָאט אַרַיינְגֶעכַאפְּט, הָאט עֶר זֵייעֶר מוֹרָא גֶעהַאט עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט דֶערְוִויסְן פוּן דִי בְּרֶסְלֶבֶ׳ע חֲסִידִים אִין שְׁטָאט, אַלְץ עֶר זָאל נִישְׁט נָאנְט וֶוערְן צוּ זֵיי, וַוייל דֶער שְׁוֶוער אִיז גֶעוֶועְן אַ גְרוֹיסֶער מִתְנַגֵּד אוֹיף אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ. יֶעדְן טָאג הָאט ר׳ פִּנְחָס גֶעהַאט צוּ הֶערְן אַ דְּרָשָׁה פוּן זַיין שְׁוֶוער וֶועגְן דִי גֶעמֵיינְקַייט פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט, וֶוען עֶר וָוארְנְט אָן זַיין אֵיידֶעם זָאל זִיךְ נִישְׁט דֶערְנֶענְטֶערְן צוּ אִיבֶּערְטְרֶעטְן דִי שְׁוֶועל פוּן זֵייעֶר קְלוֹיז.

ר׳ פִּנְחָס הָאט בַּארוּאִיגְט זַיין שְׁוֶוער אוּן אִים גֶעזָאגְט: ״וָואס ווִיל דֶער שְׁוֶוער פוּן מִיר, אִיךְ גֵיי דָאךְ נִישְׁט צוּ דִי חֲסִידִים?״.

אָבֶער עֶר לָאזְט נִישְׁט נָאךְ, עֶר בַּאקוּמְט כְּסֵדֶר וָוארְנוּנְגֶען, בִּיז ר׳ פִּנְחָס הָאט גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ, ׳אוֹיב מַיין שְׁוֶוער ווִיל זִיךְ אַזוֹי בַּאהִיטְן פוּן דִי חֶבְרָה, מוּז אִיךְ אַלֵיין נָאכְקוּקְן צוּ זֶען פוּן וֶועמֶען מֶען רֶעדְט דָא,׳ הָאט עֶר בַּאשְׁלָאסְן צוּ אַרַיינְשְׁפַּאצִירְן אִין זֵייעֶר שׁוּל צוּ זֶען וָואס דָארְט פַּאסִירְט. (המשך בעז״ה)

# דער מסור אין טבריה



*המשך פון פאריגע וואך ווען א מסור איז ארויסגעוואקסן אין טבריה אין געשטעלט די אידן אין א גרויסע סכנה...*

פּוּנְקְט אִין יֶענֶע צַייט הָאט דִי הַשְׁגָּחָה גֶעפִירְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז אָנְגֶעקוּמֶען קַיין טְבֶרְיָה, דָאס אִיז גֶעוֶוען אִינְמִיטְן זַיין גְרוֹיסֶע רַייזֶע וָואס עֶר אִיז גֶעפָארְן פוּן אוּקְרַיינֶע קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. גְרוֹיסֶע סוֹדוֹת אוּן הוֹיכֶע תִּקוּנִים, זֶענֶען גֶעוֶוען בַּאהַאלְטְן אִין דִי גֶעהוֹיבֶּענֶע נְסִיעָה פוּנֶעם רֶבִּי'ן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן רִבֵּי רְבָבוֹת נְשָׁמוֹת זֶענֶען גֶעוֶוען אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין דֶעם, שְׁרֶעקְלִיכֶע סַכָּנוֹת זֶענֶען אַרִיבֶּער אוֹיף דֶער רֶבִּי מִיט זַיין בַּאגְלֵייטֶער אוֹיפְן וֶועג בִּיז זַיי הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען אָנְצוּקוּמֶען צוּם פָּארְט פוּן חֵיפָה, מִיטְן הִילְף פוּן בַּאשֶׁעפֶער. וִוי נָאר דֶער רֶבִּי אִיז גֶעגַאנְגֶען פִיר טְרִיט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, הָאט עֶר שׁוֹין זוֹכֶה צוּ וָואס עֶר הָאט גֶעוָואלְט בַּאקוּמֶען מִיטְן פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אַזוֹינֶע גְרוֹיסֶע הֵיילִיגֶע זַאכְן וָואס מִיר קֶענֶען זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן, אוּן דַאן אִיז דֶער רֶבִּי שׁוֹין גֶעוֶוען גְרֵייט אַהֵיים צוּ פָארְן, אָבֶּער דֶער בַּאגְלֵייטֶער פוּן רֶבִּי'ן הָאט יָא גֶעוָואלְט אַרוּמְפָארְן אַבִּיסְל אִין דִי הֵיילִיגֶע לַאנְד אוּן גֵיין דַאוְוענֶען אוֹיף דִי קִבְרֵי צַדִּיקִים פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל דֶערִיבֶּער הָאט עֶר גֶעפּוֹעֶלְ'ט בַּיים רֶבִּי'ן צוּ בְּלַייבְּן נָאךְ אַבִּיסְל צַייט, אַזוֹי אַז אִין דִי צַייט וָואס דֶער שְׁרֶעקְלִיכֶער מָסוּר הָאט אָנְגֶעדְרֵייט דִי בִּיטֶערֶע גְּזֵירָה וָואס הָאט גֶעשְׁוֶועבְּט אִיבֶּער דִי אִידְן פוּן טְבֶרְיָה אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פּוּנְקְט דָארְט גֶעוֶוען, אוּן דָאס אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אֵיינֶע פוּן דִי סַכָּנוֹת וָואס הָאבְּן אִים אָנְגֶעטְרָאפְן אוֹיפְן וֶועג.

דֶער רֶבִּי מִיט זַיין בַּאגְלֵייטֶער הָאבְּן צוּגֶעקוּקְט אוּן גֶעזֶעהְן וִוי מֶענְטְשְׁן לוֹיפְן מִיט אַ גֶעוַואלְד אַרוֹיס פוּן שְׁטָאט, וֶוען פְרוֹיעֶן אוּן קִינְדֶער וֵויינֶען אוּן שְׁרֵייעֶן פוּן צִיטֶער, אִין דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט אִיז גֶעוֶוען צְעָקוֹת אוּן גֶעוֵויינֶערַייעֶן פוּן שְׁרֶעק אַז דֶער מָסוּר קֶען זַיי שְׁלֶעכְטְ'ס טוּהְן, דֶער צַדִּיק אוּן זַיין בַּאגְלֵייטֶער הָאבְּן נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס אִיז דִי בֶּהָלָה וָואס קוּמְט דָארְט פַאר, זַיי הָאבְּן פְּרָאבִּירְט פְּרֶעגְן דֶעם אוּן יֶענֶעם וָואס דָא אִיז גֶעשֶׁעהְן, אָבֶּער יֶעדֶער אִיז גֶעוֶוען פַארְנוּמֶען מִיט זַיין שְׁרֶעק, אוּן פְּרָאבִּירְט רַאטֶעוֶוען זַיין לֶעבְּן פוּן גֶעפַאר, אַזוֹי אַז עֶס אִיז זַיי נִישְׁט גֶעלוּנְגֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס עֶס גֵייט פָאר. וֶוען אֵיינֶער הָאט זַיי שׁוֹין אוֹיפְגֶעמֶערְקְט דִי גַאנְצֶע גֶעשִׁיכְטֶע וָואס הָאט פַּאסִירְט, אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען צוּ שְׁפֶּעט, זַיי הָאבְּן פְּרָאבִּירְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן שְׁטָאט אָבֶּער דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוַואךְ, עֶר אִיז נָאר קוֹים אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען פוּן אַ שְׁוֶועֶרֶע קְרֶענְק וָואס הָאט אִים זֵייעֶר שְׁוַואךְ גֶעמַאכְט, אוּן

האָט נישט געהאַט קיין כּחַ צוּ אַרויסלויפן שנעל פון שטאָט, דעריבער האָבן זיי זיך אומגעקערט, און דער מסור מיט אַ גרויסע אַרמיי פון אַראַבער זענען אַריינגעקומען אין שטאָט מיט גרויס כּבוד און גרויסקייט אַז ער איז געוואָרן דער נייער פּקיד פון שטאָט.

דאָס איז געווען אַ חסד פון הימל אַז דער רבי זאָל דאָרט מוזן בלייבן כּדי ער זאָל היטן און ראַטעווען די גאַנצע שטאָט פון געפאַר, ווי נאָר דער רבי האָט דערזעהן אַז מען קען שוין נישט אַנטלויפן און זיך אויסבאַהאַלטן, האָט ער באַשלאָסן אַנטקעגן צו גיין דעם מסור, מיט גרויס שרעק האָט דער באַגלייטער פון רבי'ן געזעהן ווי דער מסור קומט זיי אַנטקעגן, אָבער צו זיין וואונדער האָט ער גאַרנישט שלעכט'ס געטון דעם רבי'ן, נאָר פאַרקערט ער האָט זיך אונטערגעבויגן אונטער דעם רבי'ן און איז צוגעגאַנגען רעדן מיטן רבי'ן מיט גרויס הכנעה.



אויף די הנהגה וויאַזוי דער רבי האָט זיך געפירט מיטן מסור קען מען באַשרייבן לאַנגע בלעטער, ווייל דער הייליגער רבי האָט זיך געפירט מיט אים אויף אַ ספּעציעלע קלוגע און וואונדערליכע וועג - אַזוי ווי דער רבי האָט זיך געפירט מיט וועם ער פלעגט נאָר רעדן, מיט אַ התעוררות און יראת שמים אַז דער יעניגער פלעגט זיך גלייך אינגאַנצן מתבטל זיין צו אים, אַזוי איז אויך געווען מיטן מסור. דער מסור האָט געהייסן דעם באַגלייטער פון רבי'ן זאָל אויסרופן אין שטאָט אַז אַלע וואָס זענען אַנטלאָפן קענען זיך צוריק אומקערן אין שטאָט ווייל ער וועט זיי גאַרנישט שלעכט'ס טון, זייער פיל אידן האָבן זיך אומגעקערט צוריק אַהיים.

דער מסור וועלכער איז געווען אַ שפּילער און אַ שווינדלער האָט פּראָבירט צו אָפּנאַרן דעם רבי'ן און זיך ווייזן פאַר אים ווי אַן ערליכער חסיד, אַ פרומער איד, ער האָט זיך געשאָקלט און געדרייט און זיך פּראָבירט ווייזן פאַרן צדיק אַז ער האַלט זיך קליין און וויל נאָר יעדן העלפן, דער רבי האָט צו דעם וואונדער פון אַלע אַרומיגע אים גאַרנישט אָפּגעמאַכט, און זיך געמאַכט ווי ער גלייבט אים אַלעס, און האָט צו אים געזאָגט, עס וואָלט געווען שיין אַז אַ פּקיד איבערן שטאָט זאָל דאַווענען אויף די צרות פון כלל ישראל, אַזוי אויך פּאַסט פאַר אַ

פָּקִיד זִיךְ צוּ הַאלְטְן קְלֵיין, דֶער מָסוּר וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁפִּילֶער הָאט צוּגֶעשְׁטִימְט אוּן גֶעזָאגְט: "אַוַודְאַי, זִיכֶער אַזוֹי", וִוי גְלַייךְ עֶר הָאט קֵיינְמָאל גֶעוָואלְט שְׁלֶעכְטְ'ס טוּהְן זַיינֶע בְּרִידֶער ... אָבֶער דֶער רֶבִּי הָאט וַוייטֶער גֶערֶעדְט צוּ אִים מִיט קְלוּגְשַׁאפְט אוּן הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט וִוי עֶר הַאלְט זֵייעֶר שְׁטַארְק פוּן אִים אוּן גֶערֶעדְט צוּ זַיין הַארְץ עֶר זָאל זִיךְ אוּנְטֶערְנֶעמֶען צוּ זָאגְן תְּהִלִּים.

נָאכְדֶעם הָאט עֶר צוּ אִים גֶעזָאגְט: "וִוי אַזוֹי וֶועל אִיךְ וִויסְן אַז דוּ הַאלְט זִיךְ טַאקֶע קְלֵיין, אוּן אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין גֵאוּת אִין דִיר? אוֹיבּ דוּ וֶועסְט קֶענֶען זָאגְן תְּהִלִּים מִיט דִי יוּנְגֶע בָּחוּרִים דָא בַּיי מִיר אִין הוֹיז מִיט טְרֶערְן אוּן גֶעוֵויין, דַאן וֶועל אִיךְ וִויסְן אַז עֶס אִיז טַאקֶע אַזוֹי וִוי דוּ זָאגְסְט". דֶער מָסוּר הָאט צוּגֶעשְׁטִימְט דֶערְצוּ אוּן הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ זָאגְן קַאפִּיטְלֶעך תְּהִלִּים מִיט דִי בְּנֵי הַנְּעוּרִים מִיט טְרֶערְן אִין דִי אוֹיגְן, בַּאלְד דֶערְנָאךְ אִיז גֶעפַאלְן אוֹיף דֶער מָסוּר אַ שְׁטַארְקֶע שְׁוַואכְקֵייט אוּן עֶר אִיז אַנִידֶער גֶעפַאלְן קְרַאנְק אִין בֶּעט.

מִיט דֶעם אַלֶעס הָאבְּן דִי סָאלְדַאטְן פוּן דֶעם מָסוּר זִיךְ אַרוּמְגֶעדְרֵייט אִין שְׁטָאט אוּן גֶעהִיט אִיבֶּער אַלֶע הַייזֶער, אַז מֶען זָאל נִישְׁט בְּרֶענְגֶען פְּרִישֶׁע גֶעלְט אִין שְׁטָאט, אַזוֹי וִוי דִי מְסִירָה פוּן דֶער מָסוּר אִיז גֶעוֶוען, דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ פוּן דֶעם אִינְגַאנְצְן נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן אוּן הָאט אַרוֹיסְגֶעשִׁיקְט זַיין בַּאגְלֵייטֶער זָאל שְׁנֶעל אַרִיבֶּערְפָארְן קַיין חֵיפָה דָארְטְן שְׁטִיל אָפְּצוּנֶעמֶען דִי צְדָקָה גֶעלְט וָואס מֶען הָאט אַרִיבֶּער גֶעשִׁיקְט פַאר דִי אָרִימֶעלַייט פוּן טְבֶרְיָה, אוּן עֶס שְׁטִילֶערְהֵייט בְּרֶענְגֶען צוּ אִים. דֶער בַּאגְלֵייטֶער הָאט טַאקֶע אוֹיסְגֶעפִירְט זַיין שְׁלִיחוּת רִיכְטִיג, אוּן פְלִינְק אַרִיבֶּערְגֶעבְּרֶענְגְט דָאס גֶעלְט צוּם רֶבִּי'ן וָואס הָאט עֶס אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַאר דִי גַבָּאֵי צְדָקָה אוֹיסְצוּטֵיילְן פַאר דִי עֲנִיִּים,

גְלַייךְ וֶוען דֶער מָסוּר הָאט זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אוּן אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען פוּן זַיין שְׁוַואכְקֵייט הָאט עֶר וִוידֶער גֶענוּמֶען פְּלַאנֶען שְׁלֶעכְטְ'ס אוּן הָאט זִיךְ גְרוֹיסְגֶעהַאלְטְן אַז עֶר גֵייט נָאךְ וַוייטֶער שְׁלֶעכְטְ'ס טוּהְן זַיינֶע אִידִישֶׁע בְּרִידֶער, אָבֶער עֶר הָאט נִישְׁט אָנְגֶעיָאגְט צוּ רֶעדְן צוּ פִיל וַוייל עֶס אִיז וִוידֶער גֶעפַאלְן אוֹיף אִים אַ שְׁוַואכְקֵייט אוּן עֶר אִיז זֵייעֶר קְרַאנְק גֶעוָוארְן, אוּן בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט אִיז עֶר גֶעשְׁטָארְבְּן,

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ מוֹרָא'דִיג גֶעפְרֵייט אַז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַזַא גֶעוַואלְדִיגֶע זְכוּת, צוּ רַאטֶעוֶוען אַ גַאנְצֶע שְׁטָאט פוּן אַ צָרָה, וַוייל דוּרְךְ אִים הָאט זִיךְ גֶעפִירְט אַז אַלֶע אַיינְוואוֹינֶער זָאלְן קֶענֶען צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּם שְׁטָאט, מִיט טֶענְץ אוּן גֶעזַאנְג, זֵיי הָאבְּן זִיךְ אַלֶע גֶעפְרֵיידְט מִיטְן רֶבִּי'ן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה וָואס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען דוּרְךְ אִים,

(שִׁבְחֵי הָרַ"ן – סֵדֶר נְסִיעָתוֹ לְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל)

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה ט׳ דער חָכָם און דער תָּם

מַעֲשֶׂה: אַמָאל זֶענֶען גֶעוֶוען צְוֵויי ׳בַּעֲלֵי־בַּתִּים׳ אִין אֵיין שְׁטָאט! – אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט ׳גְרוֹיס עֲשִׁירוּת׳! – אוּן הָאבְּן גֶעהַאט ׳גְרוֹיסֶע הַייזֶער׳!

דִי צְוֵויי ׳בַּעֲלֵי־בַּתִּים׳, הָאבְּן גֶעהַאט צְוֵויי זוּהְן, דְהַיְינוּ: אִיטְלֶעכֶער [יֶעדֶער פוּן זֵיי] הָאט גֶעהַאט אֵיין זוּהְן!

דִי ׳צְוֵויי קִינְדֶער׳, הָאבְּן בֵּיידֶע גֶעלֶערְנְט אִין אֵיין ׳חֵדֶר׳! אוּן אֵיינֶער פוּן זֵיי אִיז גֶעוֶוען אַ ׳חָכָם׳, אוּן אֵיינֶער אִיז גֶעוֶוען אַ ׳תַּם׳! – (נִישְׁט עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ נַאר, נָאר זַיין שֵׂכֶל אִיז גֶעוֶוען פְּרָאסְטֶע [פָּשׁוּט], אָן חָכְמוֹת).

אוּן דִי ׳צְוֵויי קִינְדֶער׳, הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט! – כָאטְשֶׁע אֵיינֶער אִיז גֶעוֶוען אַ ׳חָכָם׳, אוּן דֶער אַנְדֶערֶער אִיז גֶעוֶוען אַ ׳תַּם׳, אוּן זַיין שֵׂכֶל אִיז פְּרָאסְטֶע [פָּשׁוּט] גֶעוֶוען – פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן הָאבְּן זֵיי זִיךְ פָּארְט זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט!

אִין אַ צַייט אַרוּם, הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי בֵּיידֶע ׳בַּעֲלֵי־בַּתִּים׳, אַרָאפְּצוּגֵיין פוּן זֵייעֶר עֲשִׁירוּת – אוּן זֶענֶען אַלְץ אַרָאפּ מַטָה מַטָה, בִּיז זֵיי הָאבְּן גָאר אָנְגֶעוואוֹירְן [אַלֶעס דֶערְלֵייגְט], אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן אָרִימֶעלַייט! – אוּן ס׳אִיז זֵיי מֶער נִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן, נָאר זֵייעֶרֶע ׳הַייזֶער׳!

אוּן דִי קִינְדֶער הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן אוּנְטֶער־צוּ־וַואקְסְן – הָאבְּן דִי ׳בַּעֲלֵי־בַּתִּים׳ גֶעזָאגְט צוּ דִי קִינְדֶער: ״מִיר הָאבְּן נִישְׁט צוּ צָאלְן פַאר אַייךְ, מִיר קֶענֶען נִישְׁט הַאלְטְן אַייךְ, טוּט אַייךְ וָואס אִיר וֶועט קֶענֶען״!

אִיז גֶעגַאנְגֶען דֶער ׳תַּם׳, אוּן הָאט זִיךְ גֶעלֶערְנְט ׳שׁוּסְטֶערַיי׳!

דֶער ׳חָכָם׳ אִיז גֶעוֶוען אַ ׳בַּר־הֲבָנָה׳ (כְּלוֹמַר: אַ קְלוּגֶער אַ פַארְשְׁטַאנְדִיגֶער [פַארְשְׁטֶענְדְלִיכֶער מֶענְטְשׁ) – הָאט עֶר נִישְׁט גֶעוָואלְט זִיךְ נֶעמֶען, צוּ אַזוֹי אַ [אַזַא] ׳פְּרָאסְטֶע מְלָאכָה׳ [פָּשׁוּטֶ׳ע אַרְבֶּעט] – אוּן עֶר הָאט זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען: ״עֶר וֶועט זִיךְ לָאזְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן וֶועט זִיךְ אַרוּמְקוּקְן וָואס עֶר זָאל טָאן״!

אוּן עֶר אִיז אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען אִין ׳מַארְק׳ הָאט עֶר דֶערְזֶעהְן: אַ ׳גְרוֹיסֶע בְּרִיקֶע׳ [וָואגְן], מִיט ׳פִיר פֶערְד׳, מִיט ׳כָאמִיטֶעס׳ [כֵּלִים אַיינְצוּשְׁפַּאנֶען], אִיז דוּרְכְגֶעלָאפְן [מִיט סוֹחֲרִים] הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ דִי ׳סוֹחֲרִים׳: ״פוּן וַואנֶעט זֶענְט אִיר״?! – הָאבְּן זֵיי אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״פוּן וַוארְשָׁא״! – ״וואוּהִין פָּארְט אִיר״?! – ״קַיין וַוארְשָׁא״!

הָאט עֶר זֵיי גֶעפְרֶעגְט: ״טָאמֶער בַּאדַארְפְט אִיר אַ מְשָׁרֵתְ׳ל״?! דִי ׳סוֹחֲרִים׳ הָאבְּן גֶעזֶעהְן: אַז עֶר אִיז אַ ׳קְלוּגֶער יוּנְג׳ אוּן אַ ׳בֶּרְיָה׳! – אִיז עֶר זֵיי גֶעפֶעלְן! – הָאבְּן זֵיי אִים מִיטְגֶענוּמֶען, אִיז עֶר גֶעפָארְן מִיט זֵיי! – אוּן הָאט זֵיי בַּאדִינְט אוֹיף דֶעם וֶועג זֵייעֶר פַיין!

וִוי עֶר אִיז גֶעקוּמֶען קַיין וַוארְשָׁא – [אִיז] מַחֲמַת [וַוייל] עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ ׳בַּר־הֲבָנָה׳ [קְלוּגֶער פַארְשְׁטֶענְדְלִיכֶער], הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען: ״אַז אִיךְ בִּין שׁוֹין [בְּמֵילָא] אִין ׳וַוארְשָׁא׳, נָאךְ וָואס [פַארְוָואס] זָאל אִיךְ מִיךְ הַאלְטְן בַּיי דִי ׳סוֹחֲרִים׳?! – טָאמֶער [אֶפְשַׁר] אִיז דָא אַ בֶּעסֶער אָרְט [פְּלַאץ] פוּן זֵיי – לָאם־אִיךְ [לָאמִיר] גֵיין זוּכְן, וֶועל אִיךְ זֶעהְן״!

אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין ׳מַארְק׳, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ קְלֶערְן [פָארְשְׁטְן] אוּן נָאכְצוּפְרֶעגְן אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי הָאבְּן אִים גֶעבְּרַאכְט

[גֶעבְּרֶענְגְט]?! און אויבּ סְ׳אִיז דָא אַ בֶּעסֶער אָרְט [פְּלַאץ] פוּן זֵיי?!

הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״אַז דִי לַייט [מֶענְטְשְׁן] (וָואס זֵיי הָאבְּן אִים אַהֶער גֶעבְּרַאכְט [גֶעבְּרֶענְגְט]), זֶענֶען עֶרְלִיכֶע לַייט [מֶענְטְשְׁן], און סֶע [סְ׳אִיז] גוּט בַּיי זֵיי צוּ זַיין – נָאר מַחֲמַת [צוּלִיבּ] דֶעם אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער בַּיי זֵיי צוּ זַיין, מַחֲמַת [וַוייל] זֵייעֶר ׳מַשָׂא־וּמַתָּן׳ [הַאנְדְל] אִיז זֵייעֶר אִין וַוייטֶע עֶרְטֶער [פְּלֶעצֶער]״!

דֶערְוַוייל אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען, און עֶר הָאט דֶערְזֶעהְן: ׳גֶעוֶועלְבּ [קְלֵיידוּנְג גֶעשֶׁעפְט] מְשָׁרְתִים׳, וִוי זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אִין ׳מַארְק׳ – און זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אַזוֹי־וִוי זֵייעֶר שְׁטֵייגֶער אִיז, מִיט זֵייעֶרֶע ׳חֵן׳, מִיט זֵייעֶרֶע ׳הִיטְלֶעךְ׳, און מִיט דִי ׳שְׁפִּיצִיגֶע שִׁיךְ׳, און מִיט דִי ׳אִיבְּרִיגֶע [אַנְדֶערֶע] חֵן׳ וָואס זֵיי הָאבְּן אִין זֵייעֶר גַאנְג [וֶוען זֵיי גֵייעֶן], און וִוי זֵיי גֵייעֶן אָנְגֶעטָאן, און [אַזוֹי־וִוי] עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ ׳בַּר־הֲבָנָה׳ [פַארְשְׁטֶענְדְלִיכֶער], און אַ ׳קְלוּגֶער יוּנְג׳ – אִיז אִים דִי [דָאזִיגֶע] זַאךְ זֵייעֶר גֶעפֶעלְן, מַחֲמַת [וַוייל] סְ׳אִיז אַ שֵׁיינֶע זַאךְ, און סְ׳אִיז אִינְדֶערְהֵיים אוֹיף אֵיין אָרְט [פְּלַאץ]!

אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי הָאבְּן אִים גֶעבְּרַאכְט [גֶעבְּרֶענְגְט], און הָאט זֵיי אָפְּגֶעדַאנְקְט, און הָאט צוּ זֵיי גֶעזָאגְט: ״אַז סֶע [סְ׳אִיז] פַאר אִים נִישְׁט גוּט בַּיי זֵיי צוּ זַיין – און [אוֹיף] דָאס וָואס זֵיי הָאבְּן אִים גֶעפִירְט אַהֶער [אַהֶער גֶעבְּרֶענְגְט], דֶערְפַאר הָאט עֶר זֵיי בַּאדִינְט אוֹיף דֶעם וֶועג״ און עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען, און הָאט זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט בַּיי אַ ׳בַּעַל־הַבַּיִת׳. און דֶער סֵדֶר פוּן דִי ׳מְשָׁרְתִים׳ [אִיז]: אַז פְרִיעֶר מוּז מֶען זַיין אַ ׳אוּנְטֶער־מְשָׁרֵת׳, און מֶען מוּז טָאן ׳שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט׳, און מְ׳נֶעמְט וֵוייניג ׳שְׂכִירוּת׳ [גֶעצָאלְט] – דֶערְנָאךְ וֶוערְט מֶען הֶערְשְׁט אַ ׳אוֹיבֶּער־מְשָׁרֵת׳!

הָאט דֶער ׳בַּעַל־הַבַּיִת׳ גֶעטָאן מִיט אִים ׳שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט׳ – און פְלֶעגְט אִים שִׁיקְן צוּ ׳שְׂרָרוֹת׳ [מִינִיסְטָארְן] עֶר זָאל טְרָאגְן ׳סְחוֹרָה׳ – אַזוֹי־וִוי דֶער סֵדֶר אִיז פוּן ׳מְשָׁרְתִים׳, וָואס זֵיי טְרָאגְן ׳גֶעוַואנְט׳ [סְחוֹרָה] אוֹיף דֶעם ׳עֶלְנְבּוֹיגְן׳!

אִיז אוֹיף אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער גֶעוֶוען דִי ׳אַרְבֶּעט׳!

אַמָאל הָאט עֶר בַּאדַארְפְט אַרוֹיפְגֵיין מִיט דֶער ׳סְחוֹרָה׳, אוֹיף אַ ׳הוֹיכְן גָארְן׳ [בּוֹידֶעם] – אִיז דִי ׳אַרְבֶּעט׳ אוֹיף אִים שְׁוֶוער גֶעוֶוען!

הָאט עֶר זִיךְ [דֶערִיבֶּער] מְיַישֵׁב גֶעוֶוען, וָוארְן [וַוייל] עֶר אִיז זִיךְ גֶעוֶוען אַ ׳פִילוֹסוֹף׳ [פִילָאזָאף] אַ ׳בַּר־הֲבָנָה׳ [פַארְשְׁטֶענְדְלִיכֶער]: ״וָואס טוֹיג מִיר דִי ׳אַרְבֶּעט׳?! – דֶער עִיקָר [זַאךְ צוּ אַרְבֶּעטְן] אִיז זִיךְ [דָאךְ] נָאר פוּן דֶעם ׳תַּכְלִית׳ וֶועגְן, אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען ׳חֲתוּנָה׳ הָאבְּן, און זָאל מִיךְ קֶענֶען ׳מְפַרְנֵס׳ זַיין! – אִיךְ בַּאדַארְף נָאךְ דֶערוֹיף נִישְׁט צוּ קוּקְן, דֶערוֹיף וֶועט צַייט זַיין שְׁפֶּעטֶער! – דֶערְוַוייל, וֶועל אִיךְ מִיר בֶּעסֶער אוֹיס־זַיין [אַרוּמְוַואנְדֶערְן] אַ וֶועלְט, און וֶועל אָנְקוּקְן ׳מְדִינוֹת׳״!

אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אִין ׳מַארְק׳, און הָאט גֶעזֶעהְן סְ׳פָארְן ׳סוֹחֲרִים׳ אוֹיף אַ ׳גְרוֹיסֶער בְּרִיקֶע׳ [וָואגְן] הָאט עֶר זֵיי גֶעפְרֶעגְט: ״וואוּהִין פָארְט אִיר״?! – הָאבְּן זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״קַיין ׳לַאגוּרְנָא׳״! – הָאט עֶר זֵיי גֶעפְרֶעגְט: ״וֶועט אִיר מִיךְ נֶעמֶען אַהִין״?! – הָאבְּן זֵיי אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״יָא״!

הָאבְּן זֵיי אִים גֶענוּמֶען אַהִין!

פוּן דָארְט, הָאט עֶר זִיךְ אַוֶועקְגֶעלָאזְט קַיין ׳אִיטַאלְיָא׳ פוּן ׳אִיטַאלְיָא׳, הָאט עֶר זִיךְ וַוייטֶער אַוֶועקְגֶעלָאזְט קַיין ׳שְׁפַּאנְיָא׳! דֶערְוַוייל זֶענֶען אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען [אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען] כַּמָּה [אַסַאךְ] יָאהְרְן – און עֶר אִיז גֶעוָוארְן נָאךְ מֶער ׳חָכָם׳, מַחֲמַת [וַוייל] עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין אַסַאךְ ׳מְדִינוֹת׳!

:pe ____________

# לאמיר זיך פארהערן



## די ניינטע מעשה - דער חכם און דער תם (1)

**א. וואס איז דער תם געווען?**
- ❑ א נאר.
- ❑ ער פארשטייט נישט א עניין.
- ❑ זיין שכל איז געווען פראסט, אן חכמות.

**ב. דעם חכם מיטן תם האבן זאך ליב געהאט?**
- ❑ ניין.
- ❑ זיי האבן זיך זייער ליב געהאט.
- ❑ זיי האבן זיך ליב געהאט.

**ג. וואס איז געבליבן פונעם גאנצן פארמעגן פון זייערע עלטערן?**
- ❑ נאר זייערע הייזער.
- ❑ נאר זייער פערד און וואגן.
- ❑ זיי זענען געבליבן אן גארנישט.

**ד. פארוואס האט דער חכם נישט געוואלט לערנען שוסטעריי?**
- ❑ ווייל עס איז גאר א שווערע ארבעט.
- ❑ ווייל עס איז א פראסטע מלאכה.
- ❑ ווייל מ'מאכט נישט גענוג פרנסה פון שוסטעריי.

**ה. וואו אהין איז דער חכם געפארן די ערשטע?**
- ❑ צו איטליא.
- ❑ צו שפאניא .
- ❑ צו ווארשא.

**ו. פארוואס איז געפעלן פאר דעם חכם, גְוֶועלְבְּ (סחורה) משרתים?**
- ❑ ווייל זיי זענען געגאנגען מיט זייערע חן, און עס איז א שיינע זאך.
- ❑ עס איז אין דער היים, אויף איין ארט.
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**ז. עס איז געווען שווער פארן חכם די ארבעט?**
- ❑ נאכן ארבעטן א פאר שעה איז אים געווארן שווער.
- ❑ ניין.
- ❑ יא.

**ח. אוואו איז געפארן דער חכם נאכדעם?**
- ❑ צו איטליא, און פון דארט צו שפאניא און פון דארט צו לאגורנא.
- ❑ צו שפאניא, און פון דארט צו איטליא און פון דארט צו לאגורנא.
- ❑ צו לאגורנא, און פון דארט צו איטליא און פון דארט צו שפאניא.

**ט. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?**
- ❑ יא
- ❑ ניין
- ❑ א חלק

### ביכער־טשעלענדזש



**אין וועלכע מדינות איז דער חכם געווען?**

**תשובות אויף מעשה ח׳ דער רב און דער בן יחיד.**

**וואו זעט מען אז - לָדוּר בַּעֲלִיָּה הוּא טוֹב יוֹתֵר לַעֲבוֹדוֹת הַבּוֹרֵא מִלָּדוּר בְּבַיִת תַּחְתּוֹן?**

**דֶער בֶּן יָחִיד פְּלֶעגְט צו זִיצִין אוֹיף אֵיין אוֹיבֶער שְׁטִיבְּל און הָאט גִילֶערְנְט ...**

**דער געווינער אויף פרשת ויחי איז הילד החשוב שמעון מנדליאל, בית שמש**

צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040



# דעם רבינ'ס משלים

## דאס הארץ און דער שטיין

אַ קֶענִיג הָאט גֶעשִׁיקְט זַיין זוּן צוּ אַ וַוייטֶע שְׁטָאט לֶערְנֶען חָכְמוֹת, אַ שְׁטִיק צַייט שְׁפֶּעטֶער אִיז דֶער זוּן צוּרִיקְגֶעקוּמֶען צוּם קֶענִיגְס פַּאלַאץ וֶוען עֶר אִיז שׁוֹין אוֹיסְגֶעשְׁטִיגְן אַ גֶעלֶערְנְטֶער חָכָם אִין אַלֶע חָכְמוֹת.

אֵיינְמָאל הָאט אִים דֶער קֶענִיג בַּאפוֹילְן עֶר זָאל נֶעמֶען אַ גְרוֹיסְן שְׁטֵיין – אַזוֹי וִוי אַ מִיל-שְׁטֵיין אוּן עֶס אַרוֹיפְטְרָאגְן אוֹיפְן צְוֵוייטְן שְׁטָאק פוּן פַּאלַאץ. וַוארְשֵׁיינְלִיך אַז דֶער זוּן הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרָאגְן אַזַא לַאסְט ווייל דֶער שְׁטֵיין אִיז גֶעוֶוען אוּמְגֶעהוֹיעֶר גְרוֹיס. הָאט דֶער זוּן גֶעהַאט דֶערְפוּן גְרוֹיס צַעַר אַז עֶר קֶען נִישְׁט עֶרְפִילְן דִי ווִילְן פוּן זַיין טַאטְן דֶער קֶענִיג.

בִּיז דֶער קֶענִיג הָאט אִים אַנְטְפְּלֶעקְט וָואס זַיין אֱמֶתֶ'ע בַּקָשָׁה אִיז גֶעוֶוען אוּן עֶר זָאגְט פַאר'ן זוּן: "הָאסְטוּ גֶעמֵיינְט אַז אִיךְ וֶועל פוּן דִיר פַאְרלַאנְגֶען צוּ טוּן אַזַא שְׁוֶוערֶע זַאךְ, צוּ הֵייבְּן דֶעם שְׁטֵיין אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אוּן גֵייט אַרוֹיפְשְׁלֶעפְּן, קֶענְסְטוּ דֶען דָאס טוּן מִיט דַיין חָכְמָה?" אוּן דֶער קֶענִיג אִיז מַמְשִׁיךְ: "נֵיין, נִישְׁט דָאס הָאבּ אִיךְ גֶעמֵיינְט, מַיין כַּוָונָה אִיז גֶעוֶוען דוּ זָאלְסְט נֶעמֶען אַ הַאמֶער אוּן צֶעהַאקְן דָאס שְׁטֵיין אוֹיף פִּיץ פִּיצְלֶעךְ, אוּן אַזוֹי אַרוֹיפְבְּרֶענְגֶען אִין פַּאלַאץ!!".

דֶער בַּאשֶׁעפֶער בֶּעט אוֹיךְ פוּן אוּנְז, מִיר זָאלְן הֵייבְּן אוּנְזֶער הַארְץ צוּם טַאטְן אִין הִימְל, אוּנְזֶער הַארְץ אִיז אָבֶּער פַארְשְׁטֵיינֶערְט – אַ לֵב הָאֶבֶן, אַ גְרוֹיסֶע שְׁוֶוערֶע שְׁטֵיין, מֶען קֶען זִיךְ אוֹיף קַיין פַאל נִישְׁט אוֹיפְהֵייבְּן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, נָאר דוּרְכְן נֶעמֶען אַ הַאמֶער – דָאס אִיז דֶער דִבּוּר, אוּן מִיט דִי פָּשׁוּטֶ'ע רֵייד וֶועלְן מִיר קֶענֶען צֶעבְּרֶעכְן דָאס פַארְשְׁטֵיינֶערְטֶע הַארְץ אוּן זִיךְ הֵייבְּן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן.
(חיי מוהר"ן תמ"א)

